בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**חַג הַפֶּסַח (2)**

**תשפ"ד**

343-2

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# לִקּוּט מִכְתָּבִים

## א - אַהֲבָה

### בִּיז וִויפִיל מֶעג מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דַארְף מֶען צִיטֶערְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער? הֶערְנְדִיג אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אַהֲבָה וַוייל אוֹיב נִישְׁט קֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַּרְבּוּת רָעָה, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעפַּאסְט אַז וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ מַיינֶע גְרוֹיסֶע קִינְדֶער צִיטֶער אִיךְ פוּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ אַ פַּחַד אַז זֵיי קֶענֶען אָפְּפָארְן אוּן מַמָשׁ יֶעדֶעס וָוארְט דַארְף זַיין גֶעמָאסְטְן אוּן גֶעוואוֹיגְן, וַוייל זֵיי קֶענֶען מִיךְ גוּט צוּפִיקְסְן...

אִיךְ לֵייג בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרַיין לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶּער דָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ טוּ עֶס מֶער מַחֲמַת פַּחַד. אוּן וֶוער רֶעדְט וֶוען אִיךְ זֶע אַז מַיין אִינְגְל אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט עֶפֶּעס - וֶוער אִיךְ גָאר שְׁטַארְק דֶערשְׁרָאקְן; אִיךְ וַוייז עֶס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶּער אִיךְ קְלֶער צוּ מִיר: 'רַחְמָנָא לִיצְלָן! אִיךְ לֵייג אֶפְשָׁר נִישְׁט אַרַיין גֶענוּג לִיבְּשַׁאפְט, עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אָפְּפָארְן אִין גֶעצֵיילְטֶע יָאר'.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז פַאר חוּצְפָּה טָאר מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוּן מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג. אִיז אָבֶּער דִי שְׁאֵלָה, נָאר חוּצְפָּה? וָואס טוּט זִיךְ וֶוען אַ קִינְד פָּאלְגְט זַיין יֵצֶר הָרָע מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס זַיין שֵׂכֶל אִיז נָאכְנִישְׁט מַשִּׂיג פַארְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן אִים צוּ זָאגְן קְלָאר: "אִיךְ לָאז דִיר דָאס נִישְׁט טוּן אָן קַיין סִיבָּה! דוּ דַארְפְסְט מִיר פָאלְגְן"? בְּקִיצוּר, וָואס אִיז דִי גְבוּל וָואס מֶען זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דָאס קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן וֶוען מֶען דַארְף ווִיסְן אַז חַס וְשָׁלוֹם צוּ פַּיינִיגְן וַוייל עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין לְתַּרְבּוּת רָעָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "מִן הַזְּהִירוּת - שֶׁלֹּא לְהִזָּהֵר"; דוּ זֶע אַרַיין צוּ לֵייגְן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט אִין דַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין מִיט דִיר וְכוּ׳. זֶע צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת; דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ, שְׁמוּעֶס מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, הֶער אוֹיס זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶעֶרֶעסַאנְט וְכוּ׳, זֶע אַז תּוֹרָה וּמִצְווֹת זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע זַאךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט קַיין וֵויינֶעדִיגֶע זַאךְ.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן נָאכְגֶעבְּן קִינְדֶער וְכוּ׳; נָאכְגֶעבְּן אַ קִינְד אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט אִיז נִישְׁט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס אִיז אַ שְׁוַואכְקֵייט פוּן עֶלְטֶערְן, אַ שְׁוַואכְקֵייט פוּן נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן נֵיין. קִינְדֶער וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי אַלֶעס וָואס זֵיי טְרַאכְטְן אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט, וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיטְן לֶעבְּן, וַוייל נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען הָאבְּן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער וִויבַּאלְד מֶען הָאט זֵיי נָאכְגֶעגֶעבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע׳חָלוֹמְ׳ט, זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט - קֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דָאס לֶעבְּן.

דוּ מִישְׁט צוּזַאם הוֹדוּ מִיט כּוּשׁ; אַז אַ קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הֵייסְן אִים טוּן זַאכְן וָואס עֶר ווִיל נִישְׁט - דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן; וואוּ קוּמְט אַרַיין מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ׳? פַּארְקֶערְט, אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט.

פַּיינִיגְן מֵיינְט וֶוען עֶלְטֶערְן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט אַ קִינְד אוּן מֶען רַייסְט אִים אוּנְטֶער; לְמָשָׁל, מֶען ווִיל דֶער קִינְד זָאל אוֹיפְרוֹימֶען דִי שְׁטוּבּ, מֶען זֶעט אַז דֶער קִינְד דְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס פוּן פָאלְגְן (אַזוֹי ווִי אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער) טָאר מֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען פֶּערְזֶענְלִיךְ: "דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן", "דוּ בִּיסְט אַ פוֹילֶער" וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. נָאךְ אַ מָשָׁל, אַז עֶלְטֶערְן ווִילְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען וְכוּ׳, טָאר מֶען נִישְׁט אָרָאפְּרַייסְן דִי קִינְדֶער: "דוּ שְׁלָאךְ", "דוּ

עֶקֶלְדִיגֶע וְכוּ״ - דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. עֶלְטֶערְן וָואס טְשֶׁעפֶּען אוּן רַייסְן אַרָאפּ דִי קִינְדֶער, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט נָאר אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, נָאר זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן נֶערְווֶון קְרַאנְקֶע.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט צוּגְלַייכְן אֵיין קִינְד צוּם צְוֵוייטְן; מֶען טָאר נִישְׁט פָּארְהַאלְטְן אַ קִינְד: ״פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי וְוי דֶעם שָׁכֵנְ׳ס קִינְד?״ ״פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַזוֹי וְוי יֶענֶעם?״ ׳וֵוייסְט פַארְוָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין וְוי יֶענֶעם? וַוייל אִיךְ בִּין אִיךְ, אוּן יֶענֶער אִיז יֶענֶער׳; דָאס אַלֶעס הֵייסְט פַּיינִיגְן, אָבֶער פַארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער צוּ הֶעלְפְן וְכוּ׳ - דָאס דַארְף מֶען טוּן אוּן דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

...

## ב - בָּחוּר

### וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ טְרֵייסְטְן אוֹיף דִי בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן וָואס זֶענֶען פַארְפַאלְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין הַיינְט קָרוֹב צוּ דִי פֶערְצִיג יָאר, זַייט דִי יְשִׁיבָה יָארְן הָאב אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט, בִּיז יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁעוּרִים אוּן גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי׳ן, הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן ווִידֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ לֶערְנֶען דִי גְמָרוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, לְמָשָׁל יֶעצְט וֶוען מֶען לֶערְנְט מַסֶכֶת שַׁבָּת, קוּמְט מִיר אַרוֹיף אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, אַסַאךְ מָאל אִיז דִי לְשׁוֹן הַגְמָרָא מִיר מַמָּשׁ אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מֹחַ פוּן אַלְס בָּחוּר.

אִיךְ טְרַאכְט יֶעצְט אַז עֶס אִיז אַזַא שָׁאד אַז אִיךְ הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד אַלְס בָּחוּר, דֶעמָאלְט וָואלְט אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט אֶנְפִּילְן מִיט אַזוֹיפִיל תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ פַארְפַּאטְשְׁקֶעט מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן; הַיינְט קְלֶעבְּט זִיךְ מִיר נִישְׁט אָן דִי לְשׁוֹנוֹת פוּן דִי מִשְׁנָיוֹת אוּן דִי גְמָרָא וָואס אִיךְ לֶערְן יֶעצְט.

אִין דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעקֶענְט קֶענֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה, אַנְשְׁטָאט דִי פָּאר בְּלֶעטֶער גְמָרָא וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט; ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ז' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי שָׁאד אִיז נִישְׁט נָאר פַאר דִיר, דִי שָׁאד אִיז פַאר אַלֶעמֶען; אַ שָׁאד פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה וַוייל זֵיי הַאלְטְן נִישְׁט מִיט דִי לִמּוּדִים אִין יְשִׁיבָה. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין סִפּוּק אִין זֵייעֶר לֶעבְּן דֶערְפַאר זוּכְן זֵיי נַארִישְׁקֵייטְן, בִּיז זֵיי פַאלְן אַוֶועק. וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - וָואלְט קֵיינֶער נִישְׁט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, יֶעדֶער וָואלְט גֶעלֶערְנְט, יֶעדֶער וָואלְט גֶעהַאט חַיּוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גְלֵייבּ מִיר, מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם גַאנְצְן דוֹר, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ רַאטֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע יוּגְנְט, וָואס זָאל מֶען אָבֶּער טוּן אַז דֶער שָׂטָן שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט דָאס צוּ שְׁטֶערְן; עֶר שְׁטֶעלְט אוֹיף פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס רֶעדְן אָפּ דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְן רֶבִּי'נְס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד; וָואס זָאלְן טוּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין לֶערְנֶען? וָואס זָאלְן טוּן דִי אַלֶע וָואס

זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען? - זָאלְן זֵיי אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דִי תּוֹרָה?!

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה ז, כח): "אֶלֶף בְּנֵי אָדָם נִכְנָסִין לַמִּקְרָא ... יוֹצֵא מֵהֶם אֶחָד לְהוֹרָאָה", פוּן טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים קוּמְט אַרוֹיס אֵיין תַּלְמִיד וָואס אִיז מַצְלִיחַ; וָואס זָאלְן טוּן דִי אַלֶע נַיין הוּנְדֶערְט נַיין אוּן נַיינְצִיג תַּלְמִידִים וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ - זָאלְן זֵיי נִישְׁט לֶערְנֶען? זָאלְן זֵיי אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?! וָואלְט מֶען זֵיי גֶעוִויזְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין, אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - וָואלְט יֶעדֶער פוּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶועז צוּ זַיין בַּאהָאפְטְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

אַ שָׁאד אוֹיף דִי יְשִׁיבוֹת וָואס זֶענֶען נָאךְ עַד הַיּוֹם פַאר'עַקְשְׁנְ'ט נִישְׁט אַרַיין צוּ לָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן; זֵיי צֶערַייסְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זֵיי לָאזְן נִישְׁט בָּחוּרִים שֶׁעפְּן חַיּוּת פוּן רֶבִּינְ'ס וֶועג. אַנְשְׁטָאט דִי בָּחוּרִים זָאלְן זַיין פַּארְנוּמֶען מִיטְן טֶעלֶעפָאן, אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט קוּקְן מָאוִויס - וָואלְטְן זֵיי גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אָן אַ שִׁעוּר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְּמָרָא. וֶוען אַ בָּחוּר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט זִיךְ שִׁעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; עֶר מַאכְט זִיךְ אַ שִׁעוּר אִין מִשְׁנַיּוֹת - לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אִין אָנְהוֹיבּ זָאגְט עֶר דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין, פוּן דֶעם אַלֵיין בַּאקוּמְט עֶר אַזַא חַיּוּת אַז עֶר דַארְף מֶער גָארְנִישְׁט, עֶר זוּכְט נִישְׁט קֵיין מִיסְט, עֶר זוּכְט נִישְׁט קֵיין עֲבֵירוֹת, דִי תּוֹרָה - דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה - זֶעטִיגְט אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען מֶען הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אַז דֶער רֶבִּי אִיז פוּן דִי בִּיטֶערֶע כַּת רַחֲמָנָא לִצְלָן הָאט דֶער רֶבִּי זַייעֶר גֶעוַויינְט: "ווִי קֶען מֶען אוֹיסְטְרַאכְטְן אוֹיף מִיר אַזֶעלְכֶע שְׁקָרִים וְכוּ' וְכוּ'?" רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וֵויינְט אַזוֹי, 'וָואס דַארְף אָנְגֵיין פַארְן רֶבִּי'ן וָואס יֶענֶער רֶעדְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן? הָאט עֶר גֶעזָאגְט! אִיז וָואס?!' אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין זַיין מַחְלֹקֶת הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי שׁוֹין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוַויינְט; עֶס אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען פַארְן רֶבִּי'ן אַז יֶענֶער רֶעדְט אוֹיף אִים,

עֶס הָאט וַויי גֶעטוּן פַארְן רֶבִּי'ן אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מְקוֹרָב וֶוערְן, וַוייל דֶער זָקֵן זָאגְט אוֹיף אִים אַזַא לָשׁוֹן הָרָע"; דֶער רֶבִּי הָאט אַ כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם גַאנְצְן דוֹר. וֶוען נִישְׁט דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף רֶעדְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען נִישְׁט דִי וָואס שְׁטֶערְן אוּן מַאכְן חוֹזֶק - וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען דֶעם גַאנְצְן דוֹר.

מוֹהֲרָא"ש הָאט מְיַסֵּד גֶעוֶוען יְשִׁיבוֹת אִין אַמֶערִיקֶע אוּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווּאוּ מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דִי יְשִׁיבוֹת זֶענֶען גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל - וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבַּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִלּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים

שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ׳״, וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל לֶערְנְט מֶען דָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לָאזְן אָפּ דָאס לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין. וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ״ךְ, מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, ״וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה״, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן אַדוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כח), עַיֵּן שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ג - גָּדוֹל

### דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען דֶעם ׳שֶׁהַכֹּל נִהְיֶה בִּדְבָרוֹ׳

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן: שֶׁ׳הַכֹּל נִ׳הְיֶה בִּ׳דְבָרוֹ אִיז שׁ׳ נ׳

ב׳, די אוֹתִיּוֹת פוּן די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען – רַבֵּינוּ נַ׳חְמָן בֶּ׳ן שִׂ׳מְחָה; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען ׳שֶׁהַכֹּל נִהְיֶה בִּדְבָרוֹ׳ – אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי בְּלָאזְט אִין אוּנְז אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע, קְלָארֶע, לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה; מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן וֶוען שְׁוֶועריִקֵייטְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער, מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְזֶער גוּטְס.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ג): ״גָאט אִיז גְרוֹיס, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט״.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ד - דִּינִים

### וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע כִּישׁוּף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ט טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ וֵוייסְט אַוַדַאי דֶעם וָוארְט וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר פַּרְשַׁת בֹּא, ״בֹּא אֶל פַּרְעֹה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: ״בֹּא אֶל פַּרְעֹה – קוּם צוּ פַּרְעֹה״, לִכְאוֹרָה וָואלְט וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעדַארְפְט זָאגְן: ״לֵךְ אֶל פַּרְעֹה – גֵיי צוּ פַּרְעֹה״? נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: ״קוּם מִיט מִיר, אִיךְ בִּין דָאךְ אִיבֶּערָאל, אֲפִילוּ בַּיי פַּרְעֹה אִין פַּאלַאץ גֶעפִינְן אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ שְׁרַייבְּן תּוֹרוֹת, אִיךְ וִויל פָּשׁוּט אַז דוּ זָאלְסְט אַרוֹיס גֵייעְן פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַּעַת, פוּן טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן טָאג: ׳וָואס גֵייט זַיין?׳

בְּשָׁעַת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִיבֶּערָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל, עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן עֶר גֶעבְּט לֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר אִיבֶּער גֶעבְּן צוּ אִים אוּן וִויסְן אַז 'אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אִיז פַאר מַיין טוֹבָה'.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר דִי אֱמוּנָה; חַזֶר זִיךְ אַיין: 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סז:): אַ כִּישׁוּף מַאכֶערְ'ן הָאט אַמָאל גֶעוָואלְט מַאכְן כִּישׁוּף אוֹיפְן הֵיילִיגְן אַמוֹרָא רֶבִּי חֲנִינָא, הָאט אִיר רֶבִּי חֲנִינָא גֶעזָאגְט: "אִי מִסְתַּיְּיעַת זִילִי עֲבִידִי, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ כְּתִיב", דוּ קֶענְסְט פְּרָאבִּירְן מַאכְן כִּישׁוּף וִויפִיל דוּ ווִילְסְט אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, ווַייל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע כִּישׁוּף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## ה - הִתְבּוֹדְדוּת

### רֶעדְן דְרֵיי מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ד

מָרַת ... תִּחְיֶ'

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אֵיידֶער אִיר הוֹיבְּט אָן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט זָאלְט אִיר בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט פוּן דְרֵיי מִינוּט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת. נֶעמְט אַ זֵייגֶער, לֵייגְט עֶס אוֹיפְן טִישׁ אִין פָארְנְט פוּן אַייךְ, אוּן רֶעדְט פַאר דְרֵיי מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צֶעטֵיילְט דִי דְרֵיי מִינוּט אוֹיף דְרֵיי; דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן מִיט אַייעֶר

מַאן און קִינְדֶער; דִי צְוֵוייטֶע מִינוּט זָאלְט אִיר אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען טוּט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף; אִין דִי דְרִיטֶע מִינוּט זָאלְט אִיר אִים בֶּעטְן אַז דִי טָאג זָאל זַיין גוּט אוּן שֵׁיין, אָן קַיין צַעַר, אָן קַיין מַחֲלֹקֶת.

מִיר בֶּעטְן סוּכּוֹת: "׳הוֹשַׁעְנָא׳, הֶעלְף מִיר, ׳שָׁלֹשׁ שָׁעוֹת׳, אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִיר צֶעטֵיילְט אִין דְרַיי מִינוּט"; וַוייל וֶוער עֶס טוּט אַזוֹי, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר דַאנְקְט, עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוּן עֶר בֶּעט אוֹיף וַוייטֶער - דֶער לֶעבְּט אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן.

...

## ו-וִכּוּחַ

### אַז מ׳טַעֲנָה׳ט זִיךְ מִיט לֵצִים, וֶוערְט מֶען אַלֵיין אַ לֵץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ז אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ טַעְנָה׳ן מִיט לֵצִים, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג מֶען זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט; וֶוער עֶס הָאט צוּטוּן מִיט לֵצִים, וֶוער עֶס גֵייט אִין אַ וִכּוּחַ מִיט אַ לֵץ - דֶער וֶוערְט אַלֵיין אַ לֵץ אוּן מֶען פַאלְט אַוֶועק.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פַאר דַיין עָתִיד, אִיךְ צִיטֶער דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן פוּן רֶבִּי׳ן. מִיט דֶעם וָואס דוּ טַעֲנָה׳סְט זִיךְ מִיט דַיינֶע שְׁוָואגֶערְס בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת - קֶענְסְטוּ נָאכְדֶעם אַלֶעס אָפְּלָאזְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר פַאר דַיין טוֹבָה וֶועגְן, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן אוּן פוּן דִי יְשִׁיבָה מִיט זֵיי; וִוי נָאר זֵיי הֵייבְּן אָן חוֹזֵק מַאכְן פוּן דִי שִׁיעוּרִים, פוּן דִי בְּרִיוו - זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן וִוי דוּ הֶערְסְט נִישְׁט, אוּן אַז זֵיי שְׁפֶּעטְן וַוייטֶער - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ וִוינְקְל אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין פַארְן הֶערְן לָשׁוֹן הָרָע, הוֹצָאַת שֵׁם רַע, רְכִילוּת אוּן נִיבּוּל פֶּה אוֹיפְן רֶבִּי׳ן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיין הַצְלָחָה אַלֶע יָארְן אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶע׳טַעֲנָה׳ט. אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזוּכְט אוֹיפְצוּוַוייזְן דִי מֶענְטְשְׁן אַז

מוֹהֲרָא"ש אִיז יָא אַ צַדִיק, אִיךְ הָאב גֶעקוּקְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס אוּן גֶעזֶען וָואס מוֹהֲרָא"ש טוּט מִיט מִיר.

...

## ז - זָקֵן

### בַּאנֵיי זִיךְ אוּן פְּרִישׁ זִיךְ אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן אַ פְּרִישֶׁער מְקוֹרָב; דַיין הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאל זַיין פְּרִישׁ, אַזוֹי נֵיי אוּן גֶעשְׁמַאק וִוי וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְוִויסְט פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): מֶען דַארְף אַלְץ אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְּרִישֶׁע הַתְחָלָה; וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק זָאל מֶען טְרַאכְטְן: 'אִיךְ בִּין יֶעצְט אַ נֵייעֶר מְקוֹרָב כְּאִילוּ אִיךְ בִּין נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דָא גֶעוֶוען, יֶעצְט אִיז מַיין עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ קוּם צוּם צַדִיק'; אַזוֹי וֶוערְט מֶען נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט אוּן אָפְּגֶעקִילְט.

פַארְוָואס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר דָאס? וַוייל אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן יָארְן צוּרִיק אִיז בַּיי דִיר גֶעוֶוען חָשׁוּב יֶעדֶע דִיבּוּר וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, דוּ פְלֶעגְסְט זִיצְן בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת צוּזַאמֶען מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, גֶעזִינְגֶען זְמִירוֹת אוּן גֶעלֶערְנְט דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן. אָבֶער הַיינְט זֶע אִיךְ דִיר זִיצְן בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת פוּן אוּנְטְן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ וְכוּ', זֶע אִיךְ אִין דִיר אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי פְּרִישׁ וְכוּ'.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אַלְט וֶוערְן; "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין" – הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא), אַן אַלְטֶער חָסִיד אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אַן אַלְטֶער צַדִיק; מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְפְּרִישְׁן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן.

בַּאנֵיי זִיךְ אוּן פְרִישׁ זִיךְ אוֹיף; אוּן וֶוען אִידְן זִיצְן צוּזַאמֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת וְכַדוֹמֶה זָאלְסְטוּ זַיין אַ חֵלֶק פוּן זֵיי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה ט:) אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת א, טו): "'וְחֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת' זֶה שֶׁנִּמְנוּ חֲבֵרָיו לִדְבַר מִצְוָה וְלֹא נִמְנָה עִמָּהֶם"; וֶוען אִידְן טוּעֶן אַ מִצְוָה אִינְאֵיינֶעם אוּן אֵיינֶער טֵיילְט זִיךְ אָפּ - דָאס אִיז אַ חִסָּרוֹן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן; הֶער אוֹיס דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן זַיי אַ חֵלֶק פוּן דִי וָואס זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת, נִישְׁט פוּן דִי יוֹשְׁבֵי קְרָנוֹת; זַיי פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי אִיז בַּיי זֵיי אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְצְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דְרֵיי כִּתּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ מִיר, אֵיין כִּיתָּה וָואס הָאבְּן לִיבּ מַיין תּוֹרָה, אֵיין כִּיתָּה וָואס קוּמֶען עֶסְן קוּילִיטְשׁ אוּן אַ דְרִיטֶע כִּיתָּה וָואס אִיךְ בִּין אַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי זֵיי אִין הַארְצְן"; דַארְפְסְטוּ זֶען צוּ בְּלַייבְּן פוּן דִי דְרִיטֶע כִּיתָּה, פוּן דִי וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נֶעמֶען נָאךְ שֵׂכֶל אוּן נָאךְ חִיזּוּק פַארְן לֶעבְּן, נִישְׁט פוּן דִי וָואס קוּמֶען עֶסְן קוּילִיטְשׁ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת וְכוּ'.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער מִיט אַ פַּאזֶעטִיוֶוע בְּלִיק, אִיךְ מֵיין נָאר דַיין גוּטְס.

...

## ח - חִינוּךְ

### וִוי אַזוֹי מֶען מְחַנֵּךְ גָאר יוּנְגֶע קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט אִינְגַאנְצְן צוּם גוּטְן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, בִּפְרַט אִין שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ נֶעם אֵיין מֶער אוּן מֶער חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט אַסַאךְ מָאל מִשְׁנָיוֹת, סִפְרֵי רַבֵּינוּ, זֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן נָאךְ פִיל. אִיךְ בִּין אוֹיךְ מֵפִיץ דִי עֵצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן אוֹיךְ דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אִיבֶּער מַיין טָאכְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעגֶעבְּן אַ זִיס מֵיידֶל, זִי אִיז יֶעצְט צְוֵויי אוּן אַ הַאלְבּ יָאר, זִי קֶען שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַאכְן בְּרָכוֹת אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ ווִיל אָבֶּער ווִיסְן וָואס אִיז מַיין תַּפְקִיד אַלְס אִיר מְחַנֵּךְ, אוֹיף וָואס דַארְף מֶען זִיךְ פַּארְלֵייגְן אִיר מְחַנֵּךְ צוּ זַיין אִין אַזַא יוּנְגֶע עֶלְטֶער?

צְוֵוייטְנְס, וֶוען זִי וֶועקְט זִיךְ אוֹיף נָאךְ אִיר שְׁלָאף נָאכְמִיטָאג, אִיז זִי רוֹב מָאל אִין נִישְׁט אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, זִי וֵויינְט אוּן אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וָואס קֶען מֶען טוּן דֶערְצוּ?

אַ דְרִיטֶע שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם צְוֵויי סְדָרִים אִין כּוֹלֵל אוּן וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים ווִיל אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן דֶעם מֹחַ, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ לִיבּ דֶעמָאלְט צוּ הֶערְן נַייעֶס, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ הֶעלְף אַרוֹיס צַאמְצוּנֶעמֶען דִי הוֹיז. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ טוּ עֶס נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין ווַייבּ וֶוען זִי אִיז דָארְט. אִיךְ וֵוייס נָאר נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, אָדֶער אִיז דָאס אַ גוּטֶע זַאךְ - זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן מִיט דִי נֵייעֶס, זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיפְפְרִישְׁן דִי כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען ווַייטֶער לֶערְנֶען, אַזוֹי ווִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן לוּפְטֶערְן זִיךְ אוֹיס מִיטְן זִינְגֶען, מָאלְן, אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ דִיר גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן.

אַ שָׁאד אוֹיף דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז בְּרֶסְלֶב אִיז עֶפֶּעס אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ; וֶוען מֶענְטְשְׁן ווָאלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן - ווָאלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אָפְּגֶערֶעדְט צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיד): "הַפְּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד", דֶעם קְלֶענְסְטְן פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן פִיר אִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט בְּרֶענְגְט אוּנְז דֶער רֶבִּי צוּ צוּ גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת;

מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט: "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר, וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְמָאגְן אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ צוּ מְעוֹרֵר זַיין אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּי'ן לִיגְן גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַארְן לֶעבְּן.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע: 'וִוי הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט חִנּוּךְ וְכוּ''; חִנּוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, וֶוען עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט שִׂמְחָה - דֶעמָאלְט גֵייט עֶס אַרִיבֶּער צוּ דִי קִינְדֶער; דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיכֶע קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִידְן. וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁטָא קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען טוּט דִי מִצְוֹת אָן שִׂמְחָה, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן - דֶעמָאלְט ווִילְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, זֵיי וֶועלְן זִיךְ זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן.

קִינְדֶער ווִילְן לִיבְּשַׁאפְט אִין לֶעבְּן, קִינְדֶער ווִילְן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן; וֶוען זֵיי בַּאקוּמֶען דָאס אִין שְׁטוּבּ דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי נָאכְגֵיין דֶעם וֶועג, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ, ווִידֶערְאוּם וֶוען זֵיי גֶעפִינֶען דָאס נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ וֶועלְן זֵיי זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן בִּיז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט, עֶס קֶען זַיין אַז דָאס וֶועט זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער.

בְּנוֹגֵעַ וֶוען דָאס קִינְד שְׁטֵייט אוֹיף וְכוּ'; עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט נָאר בַּיי קִינְדֶער, אַז וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פוּן אַ קוּרְצֶע שְׁלָאף אִיז מֶען צֶעטוּמֶלְט אוּן נִישְׁט רוּאִיג, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען דֶערְוֶועקְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן.

בְּנוֹגֵעַ הֶערְן נֵייעֶס; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ, רוֹב מֶענְטְשְׁן וֶוערְן

מֶער צֶעטוּמְלְט אוּן דֶערְשְׁרָאקֶן פוּן הֶערְן נֵייעֶס. אַז דִי נֵייעֶס גֶעבְּט דִיר אַבִּיסְל כֹּחַ, עֶס לוּפְטֶערְט דִיר אוֹיס - קֶענְסְטוּ עֶס הֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ט - טִרְדוֹת

**אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי, פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ה סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס מֵיינְסְטוּ, נָאר דִיךְ פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס? מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט): ״דִּבֵּר עִמָּנוּ כַּמָּה פְּעָמִים מֵעִנְיַן יִסּוּרֵי עוֹלָם הַזֶּה, שֶׁכָּל בְּנֵי הָעוֹלָם כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים, אֵין גַּם אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עוֹלָם הַזֶּה״, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל הָאבְּן עוֹלָם הַזֶּה, ״וַאֲפִלּוּ הָעֲשִׁירִים הַגְּדוֹלִים וַאֲפִלּוּ הַשָּׂרִים, אֵין לָהֶם שׁוּם עוֹלָם הַזֶּה כְּלָל״, אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים אוּן גְרוֹיסֶע הַארְן הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עוֹלָם הַזֶּה, ״כִּי כָל יְמֵיהֶם כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת״, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאג אוּן כַּעַס, ״וְכֻלָּם מְלֵאִים טְרָדוֹת וּדְאָגוֹת וְעַצְבוּת וְיָגוֹן וַאֲנָחָה תָּמִיד״, אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען אוּן פַארְדַאֲגָה׳ט, דֶעפְּרֶעסְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, ״וְזֶה כּוֹלֵל כָּל בְּנֵי אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל, כִּי כֻלָּם נוֹלְדוּ לְעָמָל וּמְלֵאִים רֹגֶז וְיִסּוּרִין״, אִין דֶעם אִיז אַרַיינְגֶערֶעכְנְט יֶעדֶער אֵיינֶער - פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, אַלֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, ״וְאֵין שׁוּם עֵצָה וְתַחְבּוּלָה לְהִנָּצֵל מֵעָמָל וְיָגוֹן הַזֶּה כִּי אִם לִבְרֹחַ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלַעֲסֹק בַּתּוֹרָה״, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועןְ פוּן דִי יִסּוּרִים - נָאר אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן.

זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן דוּ טוּסְט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, זַיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט דַיין שְׁלֶעכְטְס, זוּךְ דָאס גוּטְס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק

ב׳, סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט נָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען בֵּייגְן דִי מַחֲשָׁבוֹת צוּ טְרַאכְטְן גוּט, "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצוּמְצָם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס, "שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי, פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן.

מָארְגְן וֶועט זַיין דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַיֶּ׳ זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## י - יְסוּרִים

### מַיין וַוייבּ לַיידְט שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסּוּרִים, וְוִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ יָאר צַייט וָואס מַיין וַוייב לַיידְט אוֹיף אַרְטְרֵייטִיס, זִי פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט שְׁטַארְקֶע יִסוּרִים. אִיךְ הֶער דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ צוּ זַיין סֵיי אַ טַאטֶע אוּן סֵיי אַ מַאמֶע פַאר מַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער קַיין עַיִן הָרָע, אָבֶּער מִיר שְׁפִּירְן אַז עֶס גֵייט שׁוֹין אַרִיבֶּער אַלֶע גְרֶענִיצְן.

אִיךְ מִיט מַיין וַוייב הַאלְטְן אִין אֵיין שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מִיר טַאפְּן אַ וַואנְט, אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶעם וֶועג אַרוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ פַּאל שׁוֹין אַרַיין אִין יֵאוּשׁ, אִיךְ דַארְף חִזּוּק זִיךְ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער דֶערְהַאלְטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, אָן דֶעם וָואלְט אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין בִּיז יֶעצְט.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נַעֲנָה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן - זָאל מֶען נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'"; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף וַוארְטְן אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן.

וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה. מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן; וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וִויל פּוֹעֵלְ'ן הָאט אַ סְכוּם וִויפִיל תְּפִלָּה עֶס פָּאדֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל אַרַיינְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (דְּבָרִים רַבָּה יא, י):

"מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן פִינְף הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצְן תְּפִלּוֹת, אַזוֹיפִיל וִויפִיל דָאס וָוארְט 'וָאֶתְחַנַּן' בַּאטְרֶעפְט, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט גֶעבֶּעטְן נָאךְ אֵיין תְּפִלָּה וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיין צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (דְּבָרִים ג, כו): 'רַב לָךְ, אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה', בֶּעט נִישְׁט מֶער אוֹיף דֶעם"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלָאזְן תְּפִלָּה, מֶען דַארְף בֶּעטְן אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אָן אַן אוֹיפְהֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט.

נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, חַזֵר פַּאר זִיךְ אוּן חַזֵר מִיט דַיין וַוייבּ: "וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, אַלֶעס אִיז נָאר פַּאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס גוּטְס, מֶען זֶעט נִישְׁט דָאס גוּטְס, מֶען זֶעט נָאר דָאס שְׁלֶעכְטְס - אִיז דָאס נָאר אַזוֹי פַּאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גוּט"; אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, אוֹיבּ אִיז דָאס גוּט פַארְוָואס זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן אַנְדֶערְשׁ? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בֶּעטְן עֶר זָאל טוֹישְׁן וָואס עֶר טוּט - וֶוען אַלֶעס אִיז גוּט?! וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אוּנְז מִיר זָאלְן אִים בֶּעטְן, מִיר זָאלְן אִים מוּטְשֶׁען עֶר זָאל מַאכְן אַזַא סָארְט גוּט וָואס מִיר זֶעעֶן דָאס גוּטְס מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מִיר וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן עֶר זָאל מַאכְן גוּט, גְלֵייבְּן מִיר אַז עֶס אִיז גוּט; וַוייל אַלֶעס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז אִיז נָאר לְטוֹבָה.

שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, בְּלָאז אַרַיין אִין אִיר אֱמוּנָה; דָאס וֶועט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן וֶוען זִי וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועלְן דִי שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק אַוֶועק גֵיין פוּן אִיר, וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי רְפוּאָה פַּאר אַלֶע מַחֲלוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִלּוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

דוּ מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה, בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זִי זָאל הָאבְן אַ שְׁנֶעלֶע רְפוּאָה, זִי זָאל זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן.

...

## כ - כִּיבּוּד אָב וָאֵם

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְכַבֵּד זַיין מַיין טַאטֶע וֶוען אִיךְ קֶען אִים קוֹים?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיבֶּעצְן יָאר אַלְט, אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֶעקְס יָאר אַלְט. אִיךְ קֶען כִּמְעַט נִישְׁט מַיין טַאטֶע, אִיךְ רֶעד מִיט אִים קוֹים צְווֵיי מִינוּט בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה, וָואס דָאס קוּמְט אוֹיס מֶערְסְטְנְס אֵיין מָאל אַ יָאר.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף אָנְרוּפְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע אַלְס כִּיבּוּד הוֹרִים, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶּער אָנְרוּפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיךְ קֶען אִים כִּמְעַט נִישְׁט אוּן אִיךְ וֵוייס אֲפִילוּ נִישְׁט צִי עֶר אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, צִי עֶר אִיז בִּכְלַל נֵייגֶערִיג אַז אִיךְ זָאל אִים רוּפְן. מַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער הָאט גֶעלַאכְט וֶוען אִיךְ הָאב אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז אַ קִינְד מוּז רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ יֶעצְט פִירְן, וַוייל מַיין כִּיבּוּד אָב גֵייט אוֹיךְ אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן כִּיבּוּד אֵם, וַוייל פַאר מַיין מַאמֶע גֵייט זֵייעֶר שְׁטֶערְן אוֹיבּ זִי וֶועט הֶערְן אַז אִיךְ רֶעד מִיט מַיין טַאטֶע וְכוּ', וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס הָאבּ אִיךְ יֶעצְט צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיר גֶעבְּט אִין אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, עֶס אִיז מִיר מְחַיֶ' יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הֶער עֶס אִיבֶּער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, עֶס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז דִי תּוֹרָה גְלַייכְט צוּ מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן צוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (מְכִילְתָּא פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, פַּרְשָׁה ח); דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ״מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר אוּן מִיךְ מְכַבֵּד זַיין״, אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ״דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין״.

עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע חַזַ״ל (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פַּרְשָׁה כו): ״כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אַז אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם; אֲפִילוּ יֶעצְט ווּאוֹינְסְטוּ מִיט דַיין מַאמֶע וְכוּ׳, דָאךְ זָאלְסְטוּ רוּפְן דַיין טַאטֶע יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן מִיט אִים.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֵייסְט רֶעדְן מִיט טַאטֶע מַאמֶע; דִי תּוֹרָה הֵייסְט מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): ״כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ״, וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועט עֶסְן פוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַז כִּיבּוּד אָב גֵייט אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן כִּיבּוּד אֵם, מִיר דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע לוֹיט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה זָאגְט; אַז דִי תּוֹרָה הֵייסְט מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע, דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע, אֲפִילוּ עֶס שְׁמֶעקְט נִישְׁט פַאר אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַז דִי קִינְדֶער רֶעדְן צוּם צְוֵוייטְן צַד.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם נוֹשֵׂא, מוּז אִיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן אַ וֵויי גֶעשְׁרֵיי

אוֹיף דִי אַלֶע כְּלוֹמֶר׳ישֶׁע עַסְקָנִים וָואס זָאגְן פַּאר קִינְדֶער פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער וְכוּ׳ נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערְן; מֶען אִיז זִיךְ מַלְבִּישׁ מִיט אַ לְבוּשׁ פוּן פְרוּמֶע וְכוּ׳, אַז דָא טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי טַאטֶע וַוייל עֶר טוּיג נִישְׁט, דָא טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי מַאמֶע וַוייל זִי אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר; וֵויי אִיז פַּאר דִי וָואס לָאזְן נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן זֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֵויי אִיז פַּאר דִי עַסְקָנִים וָואס טֵיילְן אָפּ עֶלְטֶערְן פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וִויפִּיל טְרֶערְן וֶוערְן פַארְגָאסְן פוּן עֶלְטֶערְן, פוּן טַאטֶע׳ס אוּן מַאמֶע׳ס, וָואס וִוילְן רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן מֶען לָאזְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער רֶעדְן צוּ זֵיי וֶועגְן פָּאלִיטִיק אוּן פְּרִיוַואטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת; וֵויי פַּאר וֶוער עֶס הָאט אַ חֵלֶק אִין צוּרִיק הַאלְטְן קִינְדֶער צוּ רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, וֵויי פַּאר זֵיי וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי בַּאשְׁטְרָאפְן.

בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַזַא נַארִישֶׁע שְׁאֵלָה, צִי דַיין טַאטֶע וִויל בִּכְלַל רֶעדְן מִיט דִיר וְכוּ׳, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אַז דוּ זָאלְסְט אִים רוּפְן וְכוּ׳; נָאךְ אַבִּיסָל וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ, וֶועסְטוּ זֶען וָואס הֵייסְט קִינְדֶער; דוּ וֶועסְט אַלֵיינְס שְׁפִּירְן וִוי דֶער הַארְץ פוּן אַ טַאטֶע גֵייט אוֹיס צוּ קֶענֶען רֶעדְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. וִוי אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע רַחֲמָנוּת פוּן אַ טַאטֶע צוּ אַ קִינְד. מֶען זֶעט אִין תְּהִלִּים וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ נוּצְט דִי רַחֲמָנוּת פוּן אַ טַאטֶע צוּ וַוייזְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קג, יג): "כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים רִחַם ה׳ עַל יְרֵאָיו", אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין קִינְד אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דָאס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם מִיט קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ; וִוילַאנְג זֵיי הָאבְּן נִישְׁט חֲתוּנָה, וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט מַחְשִׁיב צוּ זַיין עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין עֶלְטֶערְן. מֶען לוֹיפְט צוּ חֲבֵרִים, מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן; אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן אוּנְטֶער צוּ וָואקְסְן, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ מוּטְשֶׁען מִיט קִינְדֶער, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט כַאפְּט מֶען זִיךְ וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען, אָבֶּער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסֶעלֶע שְׁפֶּעט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, טוּ תְּשׁוּבָה אוּן בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין טַאטֶע אֲפִילוּ דוּ וואוֹינְסְט יֶעצְט בַּיי דַיין מַאמֶע; דַיין מַאמֶע דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז דַיין טַאטֶע וְכוּ׳. קוּק נִישְׁט אוֹיף דַיין בְּרוּדֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דֶעם, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ דַיין טַאטֶע וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דָאס אִיז דִיר אַ שְׁוֶועְרֶע זַאךְ, וַוייל שׁוֹין עֶלְף יָאר וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן דָאס צוּ טוּן וֶועט דִיר גוּט זַיין; דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר מָאל וֶועט דִיר דָאס זַיין שְׁוֶוער, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶועט דִיר נָאר גְרִינְגֶער וֶוערְן אוֹיף דַיין הַארְץ.

דוּ קֶענְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיין בְּרוּדֶער.

...

## ל - לִימּוּד זְכוּת

### קֶענֶען אוֹיךְ פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אִידְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶעג מֶען דֶעמָאלְט אוֹיךְ מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אִידְן? ווִי לְמָשָׁל זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִידְן זֶענֶען בֶּאֱמֶת גוּט נָאר עֶס אִיז דָא זֵייעֶר שְׁוֶועְרֶע נִסְיוֹנוֹת?

צַדִּיקִים פְּלֶעגְן דָאךְ אַזוֹי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ ווִיל אָבֶּער ווִיסְן אוֹיב פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס אוֹיךְ זָאגְן, אוּן עֶס הֶעלְפְט עֶפֶּעס מֶער פוּן סְתַּם תְּפִלָּה, אָדֶער אִיז דָאס נָאר אַן עֲבוֹדָה פוּן צַדִּיקִים?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת קֹרַח, כ״ט סִיוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בֶּעטְן פַאר אִידְן עֶס זָאל זֵיי זַיין גוּט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף זֵיי - דֶעמָאלְט הָאט מֶען מוֹרָא אוֹיב מֶען אִיז גֶעמַאכְט פַאר דֶעם, מֶען טְרַאכְט אוֹיב מֶען מֶעג רֶעדְן, אֶפְשָׁר אִיז דָאס נָאר פַאר צַדִּיקִים, נָאר צַדִּיקִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וְוידֶער דִי וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין בִּלְבּוּלִים אוֹיב דָאס אִיז גֶעמַאכְט פַאר זֵיי וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיב דָאס אִיז גֶעמַאכְט פַאר פָּשׁוּט׳עֶ אִידְן אָדֶער דָאס אִיז אַן עֲבוֹדָה פוּן צַדִּיקִים; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז בַּיי דִי וֶועלְט קוּקְט מֶען אָן דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וִוי אַ זַאךְ וָואס גֶעהֶערְט פַאר צַדִּיקִים. מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת וִוי מֶען פְלֶעגְט הֶערְן צַדִּיקִים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט גֶעהֶערְט וִוי צַדִּיקִים בֶּעטְן אוֹיף עֶסְן, אוֹיף אַ דִינְסְט, אוֹיף אַ הוֹיז וְכוּ׳ וְכוּ׳. מֶען שְׁטֶעלְט נִישְׁט צַאם אַז אוּנְז פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס אוֹיךְ טוּן אוּן דַארְפְן דָאס טוּן; דָאס טוּט דֶער רֶבִּי, דֶער רֶבִּי נֶעמְט עֲבוֹדוֹת וָואס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז נָאר פַאר גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ צוּ דֶעם; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ אַז מִיר זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן״. אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנ׳ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָנ׳ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד״; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דָאס עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט

גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד', הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

ווארוּם אִיז דֶעם וָואס אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; עֶר טַעְנָה'ט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע, עֶר זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נִישְׁטָא אַזַא שֵׁיינֶע פָאלְק וִוי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נִישְׁטָא אַזַא הֵיילִיגֶע פָאלְק וִוי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דָאס וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת דָאס אִיז נִישְׁט אַז זֵיי ווִילְן דָאס, נָאר דָאס אִיז פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם לֵייז אוּנְז אוֹיס פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, מִיר זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן גוֹיִם - דָאס מַאכְט אַז מִיר זָאלְן אַרַיינְפַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, מִיר זֶענֶען גֶעבִּינְדְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אָבֶּער עֶכְט ווִילְן מִיר אַלֶע זַיין גוּט".

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פָארְגֶעהַאלְטְן אוּן גֶעפְרֶעגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע): "הֲיִתָּכֵן שֶׁאָנוּ מַנִּיחִין אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְיַחֲשֹׁב לִגְזֹר גְּזֵרוֹת בָּעוֹלָם", הֲיִתָּכֵן מִיר לָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְן גְזֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט; מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, עֶר שְׁרֵייט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", לָאזְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ כִּבְיָכוֹל אַלֶע גְזֵירוֹת אוּן הֶערְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי עֶר וֵוויינְט צוּ אִים. דֶערִיבֶּער זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יוֹמָא פו:): "רֶבִּי מֵאִיר אוֹמֵר, גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה, שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז מֶען אִים מוֹחֵל

**און מֶען איז מוֹחֵל פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ פַּאל אַרָאפּ, און אַזוֹי ווִי אִיךְ ווִיל זַיין גוּט אַזוֹי ווִילְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זַיין גוּט, יֶעדֶער אֵיינֶער ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טַעְנָה'ט אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת פַאר אִים און פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## מ - מִשְׁנַיוֹת

**מוּז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דוּרְכְגֵיין דִי עוֹנֶשׁ פוּן "חִבּוּט הַקֶבֶר"?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב. אוּם שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועגְן "חִבּוּט הַקֶבֶר", מַיינֶע קְרוֹבִים הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז אוּנְזֶער זֵיידֶע - וָואס אַרְבֶּעט אִין חֶבְרָה קַדִישָׁא - הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט הָאט חִבּוּט הַקֶבֶר, און זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז מַיין זֵיידֶע הָאט אֲפִילוּ גֶעהֶערְט וִוי מֶען מַאכְט חִבּוּט הַקֶבֶר פַאר אַ מֶענְטְשׁ. מַיין מַאמֶע הָאט גֶעזָאגְט: "גֵיי וֵייס וֶועלְכֶע עֲבֵירוֹת יֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן, אוֹיב אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת און תְּהִלִּים, וֶוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט אַרִיבֶּער פוּן אֵיין צִימֶער צוּם צְוֵוייטְן", אָבֶּער מַיין מוּמֶע הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע זַאכְן גֵייט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַרִיבֶּער חִבּוּט הַקֶבֶר.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, וַוייל וִוי קֶען זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט תְּהִלִּים און מִשְׁנַיוֹת און עֶר הָאט נָאכְאַלְץ חִבּוּט הַקֶבֶר?

אִיךְ וָועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אַ תְּשׁוּבָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשׂא ב׳, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מָאל אִין דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אַז דֶער וָואס לֶערְנְט אוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת - וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר. אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער חִידָ״א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (בְּשֵׁם מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת): ״אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵּיהִנּוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם״, אָשֵׁר זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת - לָאזְט עֶר נִישְׁט גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם, מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): ״מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ״, ׳שְׁמֵנָה׳ אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ׳מִשְׁנָה׳, וֶוען אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, ״וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ״, וֶועט עֶר אִים גֶעבְּן גַּן עֵדֶן.

אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע עוֹנְשִׁים פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר. רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: ״אִינְגֶערְמַאן, לֶערְן דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, ווייל אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן - וֶועלְן דִי וֶוערֶעם נִישְׁט בַּייסְן אִין קֶבֶר״.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן וָואס יֶעדֶע מוּמֶע זָאגְט, קוּק וָואס צַדִּיקִים זָאגְן; קוּק אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, ווִי מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט קְלָאר אַז דָאס וֶועט בַּאשִׁיצְן אִין קֶבֶר פוּן אַלֶע דִינִים:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר קְדוֹשִׁים, כ״ד נִיסָן ה׳תשע״א

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט זֶען זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין קַיין שׁוּם חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וָוארוּם דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען בַּארִימְט זִיךְ מִיט דִיר אִין הִימְל וְכוּ׳. קוּמְט אַ

אִינְגֶערְמַאן און נֶעמְט אַרוֹיס נְשָׁמוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו און גְעוואוֹינְט זֵיי צוּ צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וָואס דֶער זְכוּת פוּן דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, וָוארוּם דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אִין לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ז', סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; קוּמְט אוֹיס מִיט דֶעם וָואס דוּ וַוארֶעמְסְט אָן דִי טַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת בִּיסְטוּ מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר: נִישְׁט נָאר זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים וָואס דוּ גֵייסְט דוּרְךְ מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ וְכוּ' וְכוּ', נָאר זָאלְסְט מְעוֹרֵר זַיין מֶער און מֶער דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, און אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן און זֵיי מְעוֹרֵר זַיין, און נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זֵיי דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים, וָוארוּם נָאר דָאס לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ', אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל', ד') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "מִשְׁנָה", אֲפִילוּ מֶען לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דוּרְךְ לֶערְנֶען "מִשְׁנֶה" קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם נֶפֶשׁ פוּן שְׁאוֹל, און דָאס דַארְף יֶעדֶער בָּחוּר אִיבֶּערְזָאגְן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים.

אִיךְ ווֵייס אַז אַסַאךְ מָאל פַאלְט אוֹיף דִיר אַרוֹיף חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, און עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין גֶעדַאנְקֶען וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע וְכוּ' וָואס דוּ הָארֶעוֶועסְט מִיט דִי בָּחוּרִים וְכוּ', וָוארוּם אַסַאךְ מָאל זֶעט מֶען נִישְׁט בַּיי זֵיי קַיין שׁוּם עֶנְדֶערוּנְג וְכוּ', זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי, וָוארוּם אַזֶעלְכֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע עֶרְלֵיי שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִישְׁזְבָן, וָואס נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און דֶער צַדִּיק ווֵייסְן אִין וָואס פַאר אַ שְׁמוּץ פוּן חַטְאוֹת נְעוּרִים זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ', און יֶעצְט הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, דֶער שְׂכַר פוּן דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מְקוּבָּלִים דָאס מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "מֹשֶׁה נ'",

דָאס הֵייסְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןבַּיים סוֹף צוּ קוּמֶען צוּם שַׁעַר נ׳, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ל״ב, מ״ט) ״עֲלֵה אֶל הַר הָעֲבָרִים הַזֶּה הַר נְבוֹ״, וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מְקוּבָּלִים דָאס דֶעמָאלְט הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּגֵיין אִין שַׁעַר נ׳, וָואס דָאס אִיז דָאס וָוארְט ״נְבוֹ״ - ״נ׳ בּוֹ״, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שַׁעַר נ׳, וָואס דָארְטְן אִיז דֶער בִּיטוּל אִינְגַאנְצְן צוּ אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וָואס דָאס אִיז ״מִשְׁנֶה״, אוֹתִיּוֹת ״מֹשֶׁה נ׳״, אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנֶה, וֶועט עֶר אוֹיכֶעט זוֹכֶה זַיין צוּקוּמֶען בַּיים סוֹף צוּם שַׁעַר נ׳, דָאס עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זֶען גָארְנִישְׁט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט.

אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן זַיי מְעוֹרֵר יֶעדְן טָאג דִי בָּחוּרִים פוּן נֵיי, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנָיוֹת. אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן י״ט) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין בְּלָאטֶע אוּן טוּט שְׁמוּץ וְכוּ׳, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ לֶערְנֶען ״כַּךְ וְכַךְ״, וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בְּלָאטֶע אוּן שְׁמוּץ וואוּ עֶר אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן; אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז ״כַּךְ וְכַךְ״ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס הָאט אַ גֶעטְלִיכְן כֹּחַ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ צַדִּיקִים, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקּוּן פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קפ״ה).

אוּן עֶס אִיז אַ פֶּלֶא אַז ״כַּךְ וְכַךְ״ בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִי דֶער שֵׁם ״אֱלֹקִים״, וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם פוּן מִידַּת הַדִּין; אֲפִילוּ עֶס גֵייט שׁוֹין דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַלֶע דִינִים קָשִׁים וּמָרִים, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ״כַּךְ וְכַךְ״, דָאס הֵייסְט ח״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועט נִמְתָּק וֶוערְן פוּן אִים אַלֶע דִינִים.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי אַזְהָרוֹת פוּן הַגָּאוֹן רֶבִּי נְתַנְאֵל וֵוייל זי״ע [בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר ״קָרְבַּן נְתַנְאֵל״ אוֹיפְ׳ן רא״ש], ״כׇּל יוֹצְאֵי יְרֵיכִי, מִי שֶׁמְכוּוָּנָה בְּשֵׁם לַמְדָן וּמַשְׁלִים עֲבוֹדָתוֹ עֲדֵי עָרֶב, רָאוּי לַחְזוֹר יוֹם יוֹם ח״י פְּרָקִים

מִשְׁנַיוֹת, חַ"י חַ"י יוֹדוּךְ, תּוֹעֶלֶת לְנִשְׁמָה, וּמַאֲרִיךְ יָמִים", עַיֵּין שָׁם. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, נָאר רֶעדְן יֶעדְן טָאג פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר מִיט דִי בָּחוּרִים דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיט זֵיי זִינְגֶען:

"כַּךְ וְכַךְ" דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען שְׁפְּרִינְגֶען בִּיז'ן דַאךְ, וַוייל אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת זֵייעֶר אַסַאךְ, גֶעבּ אִיךְ פוּן אִים אַ גְרוֹיסְן לַאךְ, אוּן אִיךְ קוּק נִישְׁט וָואס יֶעדֶער טִיפֵּשׁ טוּט מִיט דִי הַאנְט אַ מַאךְ, דָאס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת אַסַאךְ. וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם, אִיךְ וֵויס אַז נָאר מִשְׁנַיוֹת וֶועל אִיךְ מִיט מִיר מִיטְנֶעמֶען. אוּן דָאס וֶועט מִיךְ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן בַּאשִׁיצְן, אוּן אִין קֶבֶר וֶועלְן אַלֶע שְׁרָצִים אוּן וֶוערִים אוּן אַלֶע מַלְאֲכֵי חַבָּלָה פוּן מִיר זִיךְ אַוֶועק פִּיצְן, אוּן כָאטְשׁ זֵיי וֶועלְן מִיט זֵייעֶרֶע בֵּייזֶע צֵיינֶער אוֹיף מִיר טוּעֶן קְרִיצְן, אָבֶּער עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, וָוארוּם דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט וֶועלְן מִיר פוּן זֵיי בַּאשִׁיצְן. אוּן אִיךְ וֶועל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן אִין גַן עֵדֶן וֶועל אִיךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי צַדִּיקִים זִיצְן.

הַלְוַאי הַלְוַאי זָאלְסְטוּ דָאס קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי בָּחוּרִים, זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת, אוּן נִישְׁט נָאר זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען, נָאר זֵיי זָאלְן מְעוֹרֵר זַיין זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אוֹיף דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת, קֵיינֶער קֶען אוֹיף דֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, וָוארוּם עֶס וֶוערְט בְּפֵירוּשׁ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "לִיקּוּטֵי תּוֹרָה" פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְּכַי פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זי"ע (הַדְרָכָה ו'), "תֹּאמַר חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם בְּלִי פֵּירוּשׁ, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים, כֵּן תִּנְהוֹג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ", אוּן אַזוֹי וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "יְסוֹד יוֹסֵף" וָואס רֶעדְט אַרוּם זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן תִּיקּוּן הַבְּרִית, (עַיֵּין תִּיקּוּן י"ב) "לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת אֵין לְמַעְלָה מִזֶּה, וּמַה טּוֹב לִלְמוֹד חַ"י פְּרָקִים מִי שֶׁסִּיפֵּק בְּיָדוֹ, נֶגֶד מִדַּת יְסוֹד שֶׁפּוֹגֵם בְּחֵטְא זֶה, וּמִדַּת יְסוֹד נִקְרָא חַ"י כַּנּוֹדָע לְיוֹדְעֵי חֵן".

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה אִיךְ הָאבּ פוּן יֶעדְן בָּחוּר וָואס קוּמְט אַרַיין צוּ מִיר אוּן בַּארִימְט זִיךְ, דֶער זָאגְט עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט

פוּפְצִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דֶער זָאגְט פֶערְצִיג מָאל וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶער נַחַת פוּן דֶעם. אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר מְזַכֶּה זַיין בָּחוּרִים צוּ חַזְרֶ'ן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען כְּדַאי, וָוארוּם אַזוֹי שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית מ״ב.) מַאן דְקָארֵי וְתָּנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְׁרָא קִשּׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיה כִּדְקָא יָאוּת, אִלֵין אִינוּן דִמְקַדְשִׁין שְׁמָא קַדִישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; וֶוער עֶס לֶערְנְט אוּן זָאגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער קֶען מְקַשֵׁר זַיין אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן מְיַחֵד זַיין יִחוּדִים פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דִי זֶענֶען מְקַדֵּשׁ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער׳ס הֵיילִיגְן נָאמֶען יֶעדְן טָאג שְׁטֶענְדִיג. פְרֶעג אִיךְ דִיר: נָאךְ דֶעם אַלֶעם דַארְפְסְטוּ הָאבְן חֲלִישׁוּת הַדַעַת?! דַארְפְסְטוּ צוּבְּרָאכְן וֶוערְן?!

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן, נָאר זָאלְסְט זֶען וָואס מֶער בָּחוּרִים מְקָרֵב זַיין אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן פַארְפַאלְן.

זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.

*

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נ - נְפִילָה

### וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען אִיז אַמָאל אַ גָלָח אוּן אַמָאל אַ מַלְאָךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בְּטֶבַע אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען רוּפְט "אַמָאל אַ גָלָח אוּן אַמָאל אַ מַלְאָךְ", אַסַאךְ מָאל פִיל אִיךְ מוֹרָא'דִיג דֶערְהוֹיבְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל פִיל אִיךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אִיךְ שְׁפִּיר אֱמֶת'דִיג דֶערְהוֹיבְן, כַאפּ אִיךְ נָאכְדֶעם אַזַא שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ אַז אִיךְ פַאל מַמָּשׁ אַרַיין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן דֶעמָאלְט טְרַאכְט אִיךְ אַז אֶפְשָׁר

לוינְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיב קוּמְט נָאכְדֶעם אַזַא קְלַאפּ, לֹא מְדוּבְשָׁךְ וְלֹא מֵעוּקְצָךְ.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז דִי עֵצָה פַאר דִיר; דֶער רֶבִּי אִיז מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ נָאכְאַמָאל אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, נָאר מֶען זָאל וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רסא): "כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ יֵדַע שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט ווִי עֶר פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיין מַדְרֵיגָה זָאל עֶר ווִיסְן אַז דָאס אִיז פוּן הִימְל, "כִּי הִתְרַחֲקוּת תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת", וַוייל דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מְקָרֵב דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נָפַל, שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִיז נָאר אַז מֶען זָאל זִיךְ מֶער דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַעֲצָתוֹ שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה' כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם", דִי עֵצָה אִיז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּנְדָאסְנֵיי כְּאִילוּ מֶען הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דֶעם, "וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה' שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנֵייעֶן אִיז אַ גְרוֹיסֶע יְסוֹד אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן רֶבִּי נָתָן פִּירְט אוֹיס: "וְעַיֵּן עִנְיָן זֶה עוֹד בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, כַּמָּה צָרִיךְ הָאָדָם לְהִתְחַזֵּק בַּעֲבוֹדַת ה' וְלִבְלִי לִפֹּל מִשּׁוּם דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם, רַק לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ", לֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ זֶען ווִי סַאךְ מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶער נְקוּדָה - זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיפְצוּפְרִישְׁן אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. עַיֵּן הֵיטֵב בְּעִנְיָן זֶה, וְיֶעֱרַב לְךָ לָעַד.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן פוּן גָארְנִישְׁט; אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן וַוייטֶער וִוי דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן וְכוּ' וֶועסְטוּ דָאס נִישְׁט אָנְקוּקְן וִוי אַ נְפִילָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה): "וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה'", מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי וִוי זֵיי פַאלְן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לַחֲזֹר וּלְהַכְנִיעַ וּלְשַׁבֵּר הַקְּלִיפּוֹת וְהַמְּנִיעוֹת וְכוּ' שֶׁבְּכָל מַדְרֵגָה וּמַדְרֵגָה מֵחָדָשׁ, אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל כַּנַּ"ל", דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען דַארְף גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם אוּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער דַארְף מֶען אַרָאפּ גֵיין, מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְאַמָאל שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס וִוי מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶער נִישְׁט אוֹיף אִים צוּ בֶּעטְן: **"בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין גוּט"**; הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ זָאגְן: **"טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר פַאל אִיךְ צוּרִיק"**.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, נָאךְ מֶער שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קנ:) אַז קַיין אֵיין גוּטֶע וִוילְן וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר אִיז נָאךְ וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה זָאל עֶר בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן צוּ זַיין גוּט, וַוארְטְן אוּן וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטַארְק אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז קַיין אֵיין תְּפִלָּה וֶוערְט נִישְׁט פַארְפַאלְן, עֶס נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אַלֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ס - סְפֵיקוֹת

**ווִי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אוֹיבּ מֶען הָאט יוֹצֵא גֶעוֶוען אָדֶער נִישְׁט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק יוֹמִי און דִי שִׁיעוּרִים, דָאס אִיז מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אִין דִי יָארְן און אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוֹיבּ אִיךְ טוּ רִיכְטִיג אָדֶער נִישְׁט, אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אָדֶער נִישְׁט. יֶעדְן טָאג הָאבּ אִיךְ יְסוּרִים ווַייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דִי תְּפִילִין לִיגְט מִיר אוֹיפְן קָאפּ אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פְּרֶעגְן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אוֹיבּ דִי תְּפִילִין לִיגְט מִיר גוּט אוֹיפְן קָאפּ. בַּיים דַאוְונֶען קֶען אִיךְ אַסַאךְ מָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע דַאוְוענֶען וַוייֶענְדִיג מְסוּפָּק אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט רִיכְטִיג יֶעדֶעס וָוארְט. און בִּכְלַל בַּיי יֶעדֶע זַאךְ בִּין אִיךְ פוּל מִיט סְפֵיקוֹת און אִיךְ קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט מַחְלִיט זַיין וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְן אַן עֵצָה און חִיזוּק, צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן – דָאס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "דְהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶּׁעוֹשֶׂה", דָאס וָואס מֶען טְרַאכְט צִי מֶען אִיז יוֹצֵא דִי מִצְוָה וָואס מֶען טוּט – צִי נִישְׁט; מֶען אִיז מְדַקְדֵּק אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרַיינְטְרַאכְטְן: 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט יוֹצֵא, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ יָא יוֹצֵא', דָאס אַלֶעס בְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט: "כִּי בָּשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת", אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵמוּת, "וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא וְכוּ'", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט נִישְׁט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוּנְז כַאפְּן אוּן אוֹיפְוַוייזְן אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט טוּן דִי מִצְוֹת, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מֶענְטְשְׁן, "וְלֹא נִתְּנָה תוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵיקוֹת זֶענֶען אַלְץ מְסוּפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט – זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְוֹת שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחוֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט אוּן לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵיקוֹת, דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט: "וְהוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ מַחְמִיר שׁוּם חֻמְרָא כְּלָל", דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם חוּמְרוֹת; וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וּבֶאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת, אֲפִילּוּ מִי שֶׁיּוֹדֵעַ חָכְמוֹת בֶּאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת צָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת ה' בִּתְמִימוּת בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וְזֶה הִיא הַחָכְמָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַחָכְמוֹת, לִבְלִי לִהְיוֹת חָכָם כְּלָל כִּי בֶּאֱמֶת אֵין חָכָם בָּעוֹלָם כְּלָל 'וְאֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ'".

וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְש וָואס טוּט אָן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג אוּן אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דֶעם, עֶר טַאנְצְט זִיךְ אוּנְטֶער בִּשְׁעַת'ן אָנְטוּן דִי תְּפִילִין; בַּיי מוֹהֲרָא"ש הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען וֶוען עֶר פְלֶעגְט אָנְטוּן דִי תְּפִילִין, וִוי בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעטַאנְצְן, מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס הָאט יֶעצְט גֶעווָאוּנֶען אַ רִיזְן סוּמֶע גֶעלְט.

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן צִי דִי תְּפִילִין שְׁטֵייט דִיר גְרָאד אוֹיפְן קָאפּ, זֶע אַז דַיין קָאפּ זָאל דִיר שְׁטֵיין גְרָאד; טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה אָנְצוּטוּן תְּפִילִין, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ רֶעדְן צוּם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, לָאז אָפּ דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס מַאטֶערְן דִיךְ צִי דוּ הָאסְט יָא גֶעזָאגְט גוּט דִי וֶוערְטֶער צִי נִישְׁט; דֶער עִיקָר טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ קֶענְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ע - עֵינַיִם

### אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, אוּן עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן אִיךְ דַארְף כְּסֶדֶר הַאנְדְלֶען מִיט פְרוֹיעֶן, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זוּמֶער אִין קֶעמְפּ עַל מֵי מְנוּחוֹת, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט. אָבֶּער יֶעצְט בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, סַיי אוֹיפְן גַאס אוּן בִּפְרַט אִין גֶעשֶׁעפְט וואוּ אִיךְ גֶעפִין זִי אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן טָאג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעווֹאוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב אוֹיפְן גַאס וואוּ דֶער מַארְק פְלֶעגְט זַיין, אוּן עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן דִי פֶענְסְטֶער אוּן פִירְהֶענְג פַארְמַאכְט; בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא אַ רַעַשׁ וְכוּ' בַּיי דִי פְּלַאץ וואוּ דֶער מַארְק אִיז, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז רֶבִּי נָתָן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶענְסְטֶער קוּקְן וָואס טוּט זִיךְ אִין גַאס. אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אוּן אוּמְגֶעוֶוענְלִיכֶער רַעַשׁ, רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעזִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעשְׁרִיבְּן זַיינֶע חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי הוֹיכֶע קוֹלוֹת הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דֶעם פֶעדֶער אוּן גֶעוָואלְט גֵיין קוּקְן וָואס גֵייט פָאר, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ גֵיין קוּקְן, הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: "נָתָן נָתָן... אֵיין קוּק וֵוייניגֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז פָּארְט בֶּעסֶער", אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק אַרָאפְּגֶעזֶעצְט. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת, וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה אַז דוּ זָאלְסְט יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם. פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ צוּ גֵיין צוּ דֶער אַרְבֶּעט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אוֹיגְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה, שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק 'הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט מוֹרָא אַז עֶר וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן צוּ זֶען וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן" אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב זָאל עֶר לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעטְן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן וְכוּ'"** אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין; וְוִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע וֶועג צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, נָאר אַז מֶען בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַריין אִין אוּנְז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אַז מִיר קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, כא) בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל קְרִיגְן זִיךְ וָואס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, דֶער הִימְל צִי דֶער עֶרְד, בֵּית שַׁמַּאי הַאלְטְן אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶער הִימְל אוּן נָאכְדֶעם דֶער עֶרְד, אוּן בֵּית הִלֵּל זָאגְן אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶער עֶרְד אוּן נָאכְדֶעם דֶעם הִימְל, קוּמְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוּן זָאגְט: "תָּמֵהַּ אֲנִי אֵיךְ נֶחְלְקוּ אָבוֹת הָעוֹלָם עַל בְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ, שֶׁאֲנִי אוֹמֵר שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא כְּאִלְפָס וְכִיסּוּי", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים - דִי בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל, וָואס קְרִיגְן זֵיי זִיךְ וָואס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? אִיךְ הַאלְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְד מִיט דִי הִימְל בֵּיידֶע צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיט אִיר דֶעקֶל. מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס זֵייעֶר שַׁיין מַסְבִּיר, בֵּית שַׁמַּאי הַאלְטְן אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי הִימְלֶען, ווייל שָׁמַיִם ווַייזְט אוֹיף רוּחְנִיּוּת, צוּ ווַייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר 'שָׁמַיִם', זַיין אַ 'הִימְל מֶענְטְשׁ' - אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן דִי בֵּית הִלֵּל זָאגְן: נֵיין, קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְד, צוּ ווַייזְן אַז מֶען דַארְף זַיין דָא אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן נָאכְדֶעם גֵייט מֶען צוּם הִימְל, קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוּן זָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע מַחֲלוֹקֶת, מֶען קֶען זַיין דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן זַיין אוֹיבְן - טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאוֶוענֶען אוּן

לֶערְנֶען. אוּן מֶען קֶען זַיין אוֹיבְּן - זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאוְוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן זַיין אוֹיף דֶער עֶרְד; חֲתוּנָה הָאבְּן, הָאבְּן קִינְדֶער אוּן זֵיי מְפַרְנֵס זַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳; דָאס הָאט מוֹהֲרַ"ש אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז, אַז מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט. אֲפִילוּ מֶען אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פַּארְנוּמֶען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - דָאךְ קֶען מֶען זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט בַּיי דִי אַרְבֶּעט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיטְנֶעמֶען צוּ דַיין אַרְבֶּעט אַ זֶעקְל סְפָרִים; פַּאק דִיר אַיין אַ חוּמָשׁ מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת׳ל, אַ תְּהִילִים וְכוּ׳ אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַן אִיבֶּעריִגֶע מִינוּט זָאלְסְטוּ אַרַיין כַאפְּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַ דַף גְמָרָא וְכוּ׳. גֶעוֶוענְלִיךְ הָאבְּן נִישְׁט דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים לִיבּ צוּ זֶען וִוי זֵייעֶר אַרְבֶּעטֶער לֶערְנְט וְכוּ׳, אָבֶּער אַנְשְׁטָאט צוּ שְׁטֵיין וִוי אַ גוֹלֶם אוּן נָאכְקוּקְן יֶעדֶע פְּרוּי וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ אַרַיין כַאפְּן אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים, אַ פָּסוּק חוּמָשׁ.

מִיר זֶעעֶן אִין דִי תּוֹכָחָה, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", זָאגְט מוֹהֲרַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם; מֶען זֶעט אַז אִינְגֶעלַייט וֶוערְן פָּשׁוּט מְשׁוּגָע פוּן קוּקְן שְׁמוּץ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז מֶען שְׁטֵייט אוּן מֶען קוּקְט נָאךְ פְּרוּיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ אָן קַיין בּוּשָׁה. עֶס אִיז דָא וָואס פַארְלִירְן נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן זֵייעֶר שֵׂכֶל אוּן קֶענֶען שְׁטֵיין שָׁעוֹת אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ קוּקְן בַּיי אַ פֶּענְסְטֶער, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר זֶען וְכוּ׳, וָואס בֶּאֱמֶת אִיז עֶס אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, וַוייל מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, נָאר בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רְאִיָּה, סִימָן ח): "מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת" וֶוער עֶס הִיט זִיךְ דַיינֶע אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שְׁלֶעכְטְס, וֶוערְט נִיצוֹל פוּן בִּזְיוֹנוֹת; דָאס אַלֵיין דַארְף דִיר הֶעלְפְן בַּיישְׁטֵיין דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אַז דוּ וֶועסְט טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן וִוי צוּ הָאבְּן נָאךְ אַ בִּזָיוֹן.

שְׁטַארְק דִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; דוּ זָאלְסְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע

**אוֹיגְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן, דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ שְׁטֵיי דָא אִין גֶעשֶׁעפְט וַוייל אִיךְ דַארְף אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף אוֹיסְהַאלְטְן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מִיר וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶוען צוּ זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער דָא, אִיךְ דַארְף מִיךְ פָּשׁוּט רַייסְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד....״ אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, וַוייל וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל וַוייל עֶס קוּמְט אַרוֹיס גְלַייךְ פוּן הַארְץ.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

**...**

## פ - פֶּה

### וִוי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ וֶוער עֶס אִיז אַ גוּטֶער חָבֵר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַזוֹיפִיל וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים אִיבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וִויל אִיךְ פְרֶעגְן וֶועגְן דֶעם, וֶוער אִיז אַ גוּטֶער חָבֵר? אוּן אוֹיבּ וֶוער אִיךְ גֶעוְואוּיר אַז אֵיינֶער וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ מִיט אִים, אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער חָבֵר - וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט אִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״א אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סִימָן צוּ וִויסְן וֶוער אִיז עֶרְלִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט, מֶען זָאל הֶערְן וִוי אַזוֹי יֶענֶער רֶעדְט; רֶעדְן אִיז דִי פֶּענֶע פוּן הַארְץ. אַן**

עֶרְלִיכֶער אִיד קֶען נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט נָאר גוּטֶע זַאכְן, שֵׁיינֶע זַאכְן; עֶר רֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת, עֶר גֶעבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער; וְוידֶער אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶוען עֶר רֶעדְט - הֶערְט מֶען גְלַייךְ אוֹיף זַיין רֶעדְן וֶוער עֶר אִיז. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): "מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, "בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן", וֵוייסְט מֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

אַז דוּ הֶערְסְט בָּחוּרִים רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵיי אַזוֹי וִוי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן אַ סַכָּנָה! וַוייל חַס וְחָלִילָה אוֹיבּ מֶען הֶערְט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אוּן מֶען שְׁוַוייגְט - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ד): "הַמְנַבֵּל פִּיו", דֶער וָואס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, "אֲפִלּוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה", אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים פַארְזִיגְלְט אַ גוּטֶע גְּזַר דִּין, "הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה", דְרֵייט מֶען עֶס אִיבֶּער אוֹיף שְׁלֶעכְט, "גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵיהִנֹּם", אוֹיךְ מַאכְט מֶען אִים טִיפֶער דֶעם גֵיהִנוֹם, "גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק", אוּן דָאס אַלֶעס פַּאסִירְט אוֹיךְ פַאר דִי וָואס הֶערְן נִיבּוּל פֶּה אוּן שְׁוַוייגְן.

אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען זָאגְט דִי בְּרָכוֹת דַארְף מֶען אִינְזִין הָאבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְהַרְחִיקֵנוּ מֵאָדָם רָע, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דֶערְוַוייטֶער מִיךְ פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, וּמֵחָבֵר רָע, אוּן דֶערְוַוייטֶער מִיר פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער חַבֵר"; וַוייל אַ שְׁלֶעכְטֶער חַבֵר אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

## צ - צְנִיעוּת

### אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ גֶעשְׁמַאק צוּ צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע טָאג, עֶס אִיז הַיינְט חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט - רֹאשׁ

הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. מִיר דַארְפְן אַרוֹיס נֶעמֶען חִיזוּק פוּן דִי בֵּיימֶער, וִוי זֵיי הֵייבְּן אָן פוּנְדַאסְנֵיי נָאכְאַמָאל אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן פֵיינֶע פֵּירוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אַ וִוינְטֶער סֶעזָאן, שְׁנֵיי מִיט רֶעגְן, קֶעלְט אוּן וִוינְטְן וְכוּ' וְכוּ', מִיט דֶעם אַלֶעם הֵייבְּן זֵיי אָן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט נָאכְאַמָאל אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן גֶעשְׁמַאקֶע פְּרוּכְט, אַזוֹי דַארְפְן מִיר זִיךְ אוֹיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן גוּטֶע פְּרוּכְט.

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז דִי פְרוֹי אִיז דִי עֲקֶרֶת הַבַּיִת; דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי פְרוֹי. אַז דִי מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ - וַואקְסְן אוֹיף פְרֵיילִיכֶע קִינְדֶער אוּן אַז דִי מַאמֶע אִיז שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעצוֹיגְן - וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ פַּחַד; דֶערִיבֶּער טְרָאגְט אַ מַאמֶע אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, זִי דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, וַוייל אִין אִיר וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט תָּלוּי אִין דִי מַאמֶע, וַוייל קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אַזוֹי וִוי דִי מַאמֶע; אַז דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זִי אִיז מַקְפִּיד אוֹיף צְנִיעוּת - וֶועלְן דִי טֶעכְטֶער אוֹיךְ זַיין צְנִיעוּת'דִיג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, וַיִּשְׁלַח, ז) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לד, א): "וַתֵּצֵא דִינָה בַּת לֵאָה" - פַארְוָואס רוּפְט מֶען אָן דִינָה 'דִי טָאכְטֶער פוּן לֵאָה', פַארְוָואס נִישְׁט 'דִי טָאכְטֶער פוּן יַעֲקֹב?' "אֶלָּא עַל שֵׁם יְצִיאָתָהּ נִקְרֵאת בַּת לֵאָה, שֶׁאַף הִיא יַצְאָנִית הָיְתָה", וַוייל לֵאָה אִיז אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. דֶערְפַאר רוּפְט מֶען אִיר אָן דִי טָאכְטֶער פוּן לֵאָה, צוּ וַוייזְן וָואס עֶס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז זִי זָאל אַרוֹיסְגֵיין אִין דִי גוֹי'שֶׁע גַאסְן צְוִוישְׁן דִי אַרַאבֶּער, דָאס אַז אִיר מַאמֶע פְלֶעגְט אַרוֹיס גֵיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ל, טז): "וַתֵּצֵא לֵאָה לִקְרָאתוֹ"; אוּן אוֹיף דֶעם זָאגְט מֶען דֶעם מָשָׁל: "כְּאִמָּהּ, בִּתָּהּ", אַזוֹי וִוי דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ - אַזוֹי פִירְט זִיךְ דִי טָאכְטֶער; אַז דִי מַאמֶע גֶעבְּט אַכְטוּנְג זִיךְ נִישְׁט צוּ דְרֵייעֶן אִין שְׁטוּב אָן שְׁטְרִימְפּ וֶועלְן דִי טֶעכְטֶער אוֹיךְ זַיין צְנִיעוּת'דִיג אוּן אֵיידְל, אָבֶּער אַז דִי מַאמֶע דְרֵייט זִיךְ אָן שְׁטְרוּמְפּ זָאל מֶען נִישְׁט וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן אַז זֵיי וֶועלְן נָאךְ מֶער פַאלְן בִּצְנִיעוּת.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן בִּצְנִיעוּת; בֶּעטְ׳ס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת. מֵיינְט נִישְׁט אַז צְנִיעוּת אִיז אַ קְנַס זַאךְ, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צְנִיעוּת וִוי כְּאִילוּ מִיר אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אַז מִיר טָארְן גָארְנִישְׁט, אַדְרַבָּה, קוּקְט אוֹיף צְנִיעוּת וִוי אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אַז מִיר זֶענֶען חָשׁוּב, אוּן מִיר זֶענֶען מֶער וִוי חַיּוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם מָארַאל. בַּיי זֵיי אִיז נִישְׁט דָא קַיין קְלֵיידֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, זֵיי הָאבְּן אַרָאפּ גֶעוָוארְפְן פוּן זִיךְ דָאס גַאנְצֶע מָארַאל. אָבֶּער מִיר אִידְן זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק רוּפְט אָן אִידִישֶׁע קִינְדֶער (יְחֶזְקֵאל לד, לא): "וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי, אָדָם אַתֶּם, אֲנִי אֱלֹקֵיכֶם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִיר זֶענְט בַּיי מִיר גֶערֶעכֶנְט וִוי מֶענְטְשְׁן, דַרְשְׁ׳עֶנֶען אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל (יְבָמוֹת סא.): "אַתֶּם קְרוּיִין אָדָם, וְאֵין הָעוֹבְדֵי כּוֹכָבִים קְרוּיִין אָדָם"; אִיר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיט נָאמֶען 'מֶענְטְשׁ', אָבֶּער דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם זֶענֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן, זֵיי זֶענֶען (יְחֶזְקֵאל כג, כ): "אֲשֶׁר בְּשַׂר חֲמוֹרִים בְּשָׂרָם", צוּגֶעגְלִיכְן צוּ בַּעֲלֵי חַיִּים.

אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר יִשְׁמָעֵאל וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שֶׁחְטְ׳ן יִצְחָק אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית כב, ה): "שְׁבוּ לָכֶם פֹּה עִם הַחֲמוֹר", אִיךְ גֵיי מִיט יִצְחָק אוּן דוּ בְּלַייבּ דָא שְׁטֵיין מִיטְן אֵייזְל, זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִידּוּשִׁין סח.): "עַם הַדּוֹמֶה לַחֲמוֹר"; זֵיי זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּם אֵייזְל, וַוייל בַּיי זֵיי אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק יָא אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אָנְגֶעטוּן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ סְקוּל פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וואוּ מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי אוֹיף זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן צְנִיעוּת׳דִיג - מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט; זֵיי שֶׁעצְן צְנִיעוּת, זֵיי וֶוערְן מְחוּנָךְ אַז צְנִיעוּת אִיז נִישְׁט אַ יָאנְטְשִׁי זַאךְ, נָאר צְנִיעוּת אִיז אַן אַרוֹיפְגֶעקוּקְטֶע זַאךְ. אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ וָואס מֵיינֶען אַז צְנִיעוּת אִיז עֶפֶּעס אַ קְנַס, כְּאִילוּ מֶען הָאט גֶע׳קַנְסְ׳עֶט דִי אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער אַז זֵיי דַארְפְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ וִוי אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער זוּכְן אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן פוּן זִיךְ דִי צְנִיעוּת; זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ שְׁטְרָאף, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז צְנִיעוּת בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קְנַס, צְנִיעוּת אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט מַחְשִׁיב זַיין צְנִיעוּת אֲפִילוּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ יוּנְג. אֲפִילוּ קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן זִיךְ אוֹיךְ פִירְן מִיט צְנִיעוּת; יֶעצְט אִיז דִי צַייט וָואס מֶען קֶען נָאךְ רֶעדְן צוּ זֵיי. אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ וֶוען מֶען אִיז נָאךְ יוּנְג דֶעמָאלְט קֶען מֶען שְׁפֶּעטֶער וַוייטֶער רֶעדְן מִיט זֵיי אוּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין, אָבֶער אַז מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער פְרֵיי - וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער חֲרָטָה הָאבְּן.

לֶערְנְט אַייךְ אַרוֹיס פוּנֶעם בּוֹים דֶער אוֹפָן וִוי אַזוֹי מֶען פְלַאנְצְט זֵיי, אַז וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְגֶע צְוַוייגֶעלֶעךְ, יוּנְגֶע בֵּיימֶעלֶעךְ קֶען מֶען זֵיי נָאךְ בֵּייגְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וַואקְסְן אוֹיף וֶועט מֶען שְׁנַיידְן דִי גוּטֶע פֵּירוֹת אוּן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

# ק - קִירוּב

**מֶען דַארְף הַיינְט אַסאךְ מֶער עוֹסֵק זַיין אִין קִירוּב קְרוֹבִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט לְזַכּוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט זֵיי גֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, גֵיי נָאךְ אוּן נָאךְ הֲפָצָה, שְׁטֶעל זִיךְ פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אָפּ, וַוייל נָאר דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּיקוּן אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

יֶעצְט וֶוען אַלֶע טִינְקֶען זִיךְ אִין דִי נַייעֶס, מֶען פַארְגֶעסְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, זָאלְסְטוּ וָואס מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פוּן רֶבִּי'ן.

גֵיי הֲפָצָה בַּיי דִי פְרוּמֶע שְׁטִיבֶּער, גֵיי הֲפָצָה צוּ כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אוּן בַּחוּרֵי יְשִׁיבָה; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, מֶען מֵיינְט

מֶען דַארְף גֵיין הֲפָצָה נָאר בַּיי דִי וָואס מֶען הָאט נֶעבֶעךְ אַוֶועק גֶעפִירְט פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן אוֹיסגֶעשְׁמַדְ׳ט רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאר זֵיי דַארְף מֶען מְקָרֵב זַיין; קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף הַיינְט אַסַאךְ מֶער עוֹסֵק זַיין אִין קִירוּב קְרוֹבִים, דִי הֵיימִישֶׁע צִיבּוּר אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דֶער בִּילְד פוּן אִינְדְרוֹיסְן אִיז שֵׁיין אוּן גוּט, אָבֶער פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז מֶען אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט, מֶען אִיז אוֹיפְגֶעגֶעבְּן; אוֹי וִוי מֶען וַוארְט אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק, אַבִּיסְל אֱמוּנָה, מֶען שְׁטֵייט אוּן וַוארְט ׳וֶוען וֶועט דֶער מֵפִיץ שׁוֹין קוּמֶען? וואוּ קֶען מֶען אִים טְרֶעפְן?׳ מֶען שֶׁעמְט זִיךְ צוּ נֶעמֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, וָואס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן... מֶען טְרַאכְט ׳הַלְוַאי וֶוען עֶר לֵייגְט אַרָאפּ אַ גִלְיוֹן עֶרְגֶעץ, וואוּ אִיךְ קֶען עֶס שְׁטִילֶערְהֵייט לֵיינֶען׳.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ר - רָצוֹן

### גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף דַיין ווילְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר; אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶעבְּסְט נָאךְ מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן אַזוֹי וִוי אַמָאל, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אוּנְז טְלִיעֶט נָאךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס פֵּייעֶר׳ל; אִין יְשִׁיבָה אִיז דָא וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי׳ן.

דֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת בָּרוּךְ הַשֵּׁם; שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר פָארְגֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק (סִימָן תקפט), וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן אַ צֶעטְל אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן שֵׁמוֹת עֶר זָאל עֶס טְרָאגְן צוּ אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים - רֶבִּי יוֹשֵׁעַ מִזוּרִין; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקּוֹדֶשׁ אַז עֶר גֵייט שׁוֹין נִפְטָר וֶוערְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל מִיט שֵׁמוֹת עֶר זָאל

זִיךְ דָאס אַיינְ'חַזֶר'ן, וֶועט אִים דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה אוֹיבְן אִין הִימְל וְכוּ'. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ וֶועל זִיךְ גוּט אַיינְ'חַזֶר'ן דִי שֵׁמוֹת כְּדֵי אִיךְ זָאל דָאס וִויסְן פַאר מִיר, אִיךְ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ מַיין פְּטִירָה', אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶע'חַזֶר'ט דִי שֵׁמוֹת, אָבֶער וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר פְּלוּצְלִינְג אַלֶעס פַארְגֶעסְן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַעַת דֶערְפוּן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דוּ דַארְפְסְט דָאס נִישְׁט, וַוייל דוּ בִּיסְט שְׁטֶענְדִיג בַּיי מִיר".

מִיר הָאבְּן אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוּן עוֹסֵק זַיין שְׁטֶענְדִיג אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר נִישְׁט דַארְפְן הָאבְּן קַיין אַנְדֶערֶע סְגוּלוֹת פַאר יֶענֶע וֶועלְט, מִיר וֶועלְן זַיין מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי מִיר זֶענֶען יֶעצְט צוּגֶעבִּינְדְן.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי שִׂיחָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצב) אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "ווִילְסְטוּ אָבֶער וֶועלְן?" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען עֶר זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן זַיין ווִילְן; וַוייל אַז מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דָאס אַלֵיינְס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן אַז מֶען ווִיל, מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם ווִילְן - וֶועט מֶען בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן עֶס אִיז גֶעוֶוען וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם רֶבִּי'ן; מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם ווִילְן. אֲפִילוּ מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג, וָואכְן אוּן יָארְן אוּן מֶען אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, דָאךְ זָאל מֶען וַוייטֶער וֶועלְן אוּן וַוייטֶער בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן, מֶען זָאל וַוייטֶער זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּענְק צוּ דִיר; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין מִיט דִיר**".

ווַאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט דֶעם; עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין הַארְץ און זַיין ווילְן, דורְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ש - שַׁבָּת

**מַאכְן שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע סְעוּדוֹת שַׁבָּת; דוּרְךְ מְכַבֵּד זַיין דֶעם שַׁבָּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֲשִׁירוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ג׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשע״ט

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ מַאכְן מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה; זִינְג זְמִירוֹת און דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דַיין וַוייבּ און קִינְדֶער. דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת זֶענֶען אַ יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט און אַ יְסוֹד אִין חִינוּךְ.

גְרֵייט דִיר אָן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה; הַיינְט אִיז דָא אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ וָואס הָאבְן גוּטֶע מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִינְגֶען זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדָה, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז אַן עִיקָר אִין אִידִישְׁקֵייט; פַּאר דוּ מַאכְסְט קִידוּשׁ זִינְג שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט.

דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן דִיר פוּן שׁוּל וַוארְטְן צוּ זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין דַיין שְׁטוּבּ, זָאלְסְטוּ זֵיי וַוייזְן וָואס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז הוּנְגֶערִיג, מִיד און מֶען הָאט נִישְׁט קַיין נֶערְוְון צוּ זִינְגֶען, דָאךְ פִירְט מֶען זִיךְ וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ; פַאְרְצֵייל אִיר שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט און אַ שֵׁיינֶע וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה, נִישְׁט סְתָּם פְּלֶעטְשְׁקֶענֶען פוּן דֶעם און יֶענֶעם לָשׁוֹן הָרָע און רְכִילוּת.

אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דֶעם שַׁבָּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֲשִׁירוּת; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (שַׁבָּת קיט.) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד דֶעם

שַׁבָּת וֶוערְט עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט דֶערְצֵיילְט: אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט לוּדְקִיָּא אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, דֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶוען פוּן גֶעמַאכְט פוּן אַזוֹיפִיל גָאלְד אַז זֶעכְצְן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָאס גֶעדַארְפְט אוֹיפְהֵייבְּן; אִינֶעם טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען זֶעכְצְן זִילְבֶּערְנֶע קֵייטְלֶעךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ זֵיי טֶעלֶערְס אוּן גְלֶעזֶער, אוֹיפְן טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים.

וֶוען מֶען הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם טִישׁ הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים (תְּהִלִּים כד, א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ וְגוֹ'" אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס, נָאכְן עֶסְן הָאבְּן זֵיי גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קטו, טז): "הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה' וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם", הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט - פַארְצֵיילְט רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא - "אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאךְ הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא רַייכְטוּם?" הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ קַצָּב (בּוּטְשֶׁער) אוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַ שֵׁיינֶע בְּהֵמָה לֵייג אִיךְ דָאס אַוֶועק פַאר מִיר פַאר שַׁבָּת", הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָּכִיתָ", ווארוּיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, "וּבָרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁזִּכְּךָ לְכָךְ", אוּן גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיטְן שַׁבָּת, וֶוען עֶר זֶעט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ טְרַאכְט עֶר: 'דָאס וֶועל אִיךְ אַוֶועק לֵייגְן פַאר שַׁבָּת', אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

# ת - תּוֹרָה

## ווי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ מְסַדֵּר זַיין מִיט מַיינֶע שִׁעוּרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, אִיךְ וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע גַאנְצֶע בְּרִיוו נָאר צוּ דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִזּוּק שִׁעוּרִים.

סְפֶּעצִיעֶל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וָואס הָאט מִיר צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן אַלֶע פוּפְצְן שִׁעוּרִים וָואס מוֹהֲרָ"אשׁ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט, אוֹיסֶער גְּמָרָא וָואס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג זִיבְּן בְּלַאט כְּדֵי צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן יֶעדֶעס יָאר שַׁ"ס.

אִיךְ וִויל אָבֶער ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ מְסַדֵּר צוּ זַיין, ווִיפִיל אוּן ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע שִׁעוּר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לפ״ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דַיינֶע שִׁעוּרִים בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה; דוּ לֶערְנְסְט אַבִּיסְל פוּן אַלֶע פוּפְצְן שִׁעוּרִים פוּנֶעם סֵדֶר הַלִּימּוּד וָואס מוֹהֲרָ״אשׁ הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען:

1) דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגּוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

2) דִי צְוֵוייטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל נַ״ךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נַ״ךְ אִיז זַיין מוּסָר סֵפֶר, וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ״ךְ וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה.

3) די דְרִיטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָיוֹת וַואשְׁט אוֹיס די נְשָׁמָה. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַהֲרַ"ם פַּאפִּירְשׁ (אוֹר צַדִּיקִים סִימָן כב, אוֹת יא): "טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, "וְאִם אֶפְשָׁר שֶׁיַּשְׁלִים ח"י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד חַ"י עוֹלָמוֹת - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים", אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער קֶען לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים - אִיז זֵייעֶר גוּט, "יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ", אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט אַזַא אֵיינֶעם, "כִּי הוּא תִּקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד אֵל חַי", וַוייל מִיטְן לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען מְתַקֵּן וָואס מֶען הָאט פוֹגֵם גֶעוֶוען אִין די חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, "וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, "גַּם סְגוּלָה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

4) די פֶערְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא - תַּלְמוּד בַּבְלִי; לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט אָדֶער נִישְׁט. דָאס מַאכְט לִיכְטִיג פַארְן מֶענְטְשׁ, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פִינְסְטֶערְנִישְׁן אוּן עֶס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִפּוֹת וָואס מֶען הָאט בַּאשַׁאפְן פוּן עֲבֵירוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית', עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", 'תַּלְמוּד' בַּאטְרֶעפְט די זֶעלְבֶּע מִסְפָּר ווִי דֶער נָאמֶען פוּן די קְלִפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא פַארְבְּרֶענְט מֶען די קְלִפָּה; מֶען וֶוערְט רֵיין.

5) די פִיפְטֶע שִׁעוּר אִיז תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי; וֶוען מֶען לֶערְנְט די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "מַעֲלֶה

אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִמֵּיכֶם״, רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

6) דִי זֶעקְסְטֶע שִׁעוּר – מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹסֶפְתָּא; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט בַּ׳בְלִי, אַ בְּלַאט יְ׳רוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק תּ׳וֹסֶפְתָּא – בּוֹיט מֶען זִיךְ אַ בַּי״ת נִצְחִי, אַן אֵייבִּיגֶע הוֹיז; דָאס וֶועט מֶען מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט״.

7) דִי זִיבֶּעטֶע שִׁעוּר אִיז מֶדְרָשׁ רַבָּה; מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אוּנְז אַסַאךְ בֶּעטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן שִׁעוּרִים אִין מֶדְרָשׁ, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע גְלוּסְטֶענִישׁ צוּ וֶועלְן זַיין גוּט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי עֵקֶב יא, כב): ״רְצוֹנְךָ לְהַכִּיר אֶת מִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם״, ווִילְסְט זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? ״לְמוֹד אַגָּדָה״, לֶערְן אַגָּדָה.

8) דִי אַכְטֶע שִׁעוּר – מֶען זָאל לֶערְנֶען מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא; בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים פְלֶעגְן לֶערְנֶען אַסַאךְ מֶדְרָשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אַז עֶר זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ מֶדְרָשׁ, שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פְלֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פָארְלֶערְנֶען מֶדְרָשׁ פַארְן עוֹלָם; מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן זִיצְן שָׁעוֹת אוֹיסְהֶערְנְדִיג וִוי שֵׁיין עֶר לֶערְנְט פָאר מֶדְרָשׁ. אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ גְרוֹיסֶער רָב אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי שֵׁיין רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער לֶערְנְט פָאר, וִוי עֶר נֶעמְט אַרוֹיס שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן חִזּוּק פוּן מֶדְרָשׁ, הָאט דֶער רָב גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: ״אִיךְ הָאבּ דָאךְ אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם שְׁטִיקְל מֶדְרָשׁ, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי שֵׁיינֶע שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִזּוּק אִין מֶדְרָשׁ?״ הָאט אִים רֶבִּי נַחְמָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ הָאבּ דִי הַקְדָּמוֹת פוּן מַיין רֶבִּי – רֶבִּי נָתָן אוּן פוּן רֶבִּי׳ן – דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז מֶען לֶערְנְט מִיט דִי הַקְדָּמוֹת אִיז דָאס גָאר אַנְדֶערְשׁ״.

9) דִי נַיינְטֶע שִׁעוּר – מֶען זָאל לֶערְנֶען רַמְבַּ״ם; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז רַמְבַּ״ם אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: ״מְ׳חַיֶּה מֵ׳תִים בְּ׳רַחֲמִים רַ׳בִּים״. וַוייל דִי סְפָרִים אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּ׳ מֵתִים, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ חַיּוּת אִינֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

10) דִי צֶענְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען טוּר.

11) דִי עֶלְפְטֶע שִׁעוּר אִיז שֻׁלְחָן עָרוּךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים, וְלֹא יַעֲבֹר", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחֻיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכוֹת, "וְאִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִלּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט וְכוּ' זָאל מֶען לֶערְנֶען אַ הֲלָכָה, אֲפִלּוּ נִישְׁט כְּסִדְרָן וואוּ מֶען הַאלְט וְכוּ', "כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", וַוייל מֶען אִיז מְחֻיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

12) דִי צְוֶועלְפְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קח).

13) דִי דְרַייצְנְטֶע שִׁעוּר - מֶען זָאל לֶערְנֶען תִּקּוּנֵי זֹהַר; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט תִּקּוּנֵי זֹהַר. נִישְׁט נָאר חוֹדֶשׁ אֱלוּל, נָאר אַ גַאנְץ יָאר פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ לֶערְנֶען תִּקּוּנֵי זֹהַר; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכח) אַז אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דִי וֶועלְט לִיגְט אִין סֵפֶר הַתִּקּוּנִים.

14) דִי פֶערְצְנְטֶע שִׁעוּר אִיז לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ, וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: 'סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען'"; וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

15) דִי פוּפְצְנְטֶע שִׁעוּר אִיז לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת; וַוייל נָאר מִיט רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

הָאט גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט - נָאר רֶבִּי נָתָן, אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי אַבִּיסְל".

16) יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל הָאבְּן מִיר זֶעכְצְן שִׁעוּרִים, מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל אֲשֶׁר בַּנַּחַל; דָאס פְלַאמְט אוֹיף דָאס הַארְץ. דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז מְחַזֵּק יֶעדְן אֵיינֶעם; אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ נָאר - הֵייבְּט עֶס אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִיז אִים מְחַזֵּק.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט וִויסְן וְויפִיל צוּ לֶערְנֶען פוּן יֶעדֶע לִימוּד; תְּפִלָּה וַוייזְט פַארְן מֶענְטְשׁ וָואס צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

ב"ה

ערב פסח
שנת תשפ"ד
לפ"ק

# מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי מכון עצתו אמונה

## עצתו אמונה חלק י'

# ערשטע שטאפל איז פערטיג!

גרונטליכע הגהה דורכ'ן שטאב פון פראפעסיאנאלע מגיהים אנגעפירט און באגלייט דורך דעם מנהל המכון ר' יואל שניצלער, לויט די גענויע אנווייזונגען פונעם ראש ישיבה שליט"א; דאס רעכנט אריין פאררעכטן טעותים אין גראמאטיק, ספעלינג, ניקוד און מראה מקומות, אלץ צו מאכן דעם ספר געשמאק צו לערנען און שלונגען מיט דארשט איין בריוו נאכן צווייטן, בעז"ה.

**מ'גיימיר ווייטער...**

**1**

**2** צווייטע פאזע - 2 וואכן: **אויסשטעל**

**3** דריטע פאזע - 3 וואכן: **צוענדיגן**

**4** פערטע פאזע - 2 וואכן: **דרוקן**

נעמט אין אכט, מיטן שטיצן די פעולות פון מכון עצתו אמונה האט איר א חלק אין יעדע איינציגסטע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס ווערט געזען דורך צענדליגער טויזנטער מענטשן וואס דאס איז זיי מחזק, האלט זיי ביים לעבן, ברענגט זיי צו תשובה, און איז זיי מדריך צו א שיינע ערליכע לעבן; די בריוון ווערן היינט צו טאגס געליינט אין אימעיל, אין די וועכנטליכע קונטרס עצתו אמונה אויף אידיש און לשון הקודש, אין גליון היכל הקודש אויף אידיש, לשון הקודש און ענגליש, אין גליון שיעורי חינוך, אין קרית ברסלב בלעטל, אין די ענגלישע לייט אף אמונה, ווי אויך ווערט דאס פארגעליינט אויף קול ברסלב, אין אידיש, ענגליש און לשון הקודש.


מכון עצתו אמונה
הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

כאפט אריין א זכות
הר"ר ישעי איידליס הי"ו
347.831.139

marketedge | 718.207.8863

בס"ד




IDEA. 8457769664

# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
718-387-2691
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org